Digitaliseret af / Digitised by

DET KONGELIGE BIBLIOTEK
THE ROYAL LIBRARY

København / Copenhagen

**Title:**
Letter from
Emigdirect
to
Simonsen, David
**Corporate sender:**
(Berlin, Germany)

(Berlin, Germany)

(Berlin, Germany)

**Recipient:** Simonsen, David
(Kopenhagen, Denmark)

**Resource type:** text
**Extent:** 2 pp.
**Languages:** yi
1924-10-16
**Id:** dsa_hicem_0406.tif
**Related:**

1924-10-16

Telegr. „Emigdirect" Berlin

# Vereinigtes Komitee für jüdische Auswanderung

(United Jewish Emigration Committee) — — Gegründet auf der Weltkonferenz in Prag 1921

הועד היהודי המאוחד לעניני־הגירה — פאראייניגטער קאמיטעט פאר אידישע אויסוואנדערונג

בועידת פרג בשנת 1921

Vom Reichswanderungsamt anerkannte gemeinnützige Auskunftsstelle für jüdische Auswanderung

**Directorium:**

a) Comité executif de la Conference universelle juive de Secours PARIS 10, Place Edouard VII

b) Federation of Ukrainian Jews LONDON, 26 a Soho Square

c) Hebrew Sheltering and Immigrant Aid Society of America („Hias") NEW-YORK 425-437 Lafayette street

**Landeskomitees in:**

1. Danzig Jacobswall 1
2. Lettland RIGA Kaufstr. 22; LIBAU Grossestr. 24; RESCHITZA
3. Littauen KOWNO Laisves Aleja № 25
4. Polen WARSCHAU Muranowska 34; LEMBERG ul. Kopernicka 24; WILNO W. Pohulanka № 9; KOWEL Lucka 198; WEYHEROWO Auswanderungslager
5. Rumänien BUCAREST Splaiul C. A. Rosetti 9-a; ALATI st. Apostoli 12; JASSY str. Morceska 26; CHISINAU str. Sinadino 35; CERNAUTI str. Heine 1

№ .......
In der Antwort wird um Angabe der vorstehenden Nummer gebeten

Berlin W 30, den 16 אקטאבער 1924
Luitpoldstr. 40
Tel.: Nollendorf 2282

„אידישער הילפס-קאמיטעט אין דענעמארק"
קאפענהאגען.

זעהר געערטע הערן!

מיר שיקן אייך ארויס די צוויי לעצטע נומערן פון די „אינפארמאציאנס-בלעטער", וועלכע זיינען ערשט דערשינען, און ווענדן זיך צו אייך מיט פאלגענדיגער בקשה. אין דער איצטי-גער טרויעריקער צייט פאר אידישער עמיגראציע פילט זיך א גרויסע נויט אין א ריכטיגער און פולער אינפארמאציע וועגן די עמיגראציאנס-אנגעלעגנהייטן. פילע פעלערן, וואס די עמיגראנטן זיינען אין זייער רייזע באגאנגען, וואלטן אפשר פארמידן גע-ווארן, ווען זיי וואלטן באצייטנס באקומען די ריכטיגע און פינקט-ליכע ידיעות וועגן דער לאגע און וועגן די עמיגראציאנס-טוער וואלטן געהאט ביכולת די דאזיגע ידיעות צושטעלן.

מיר טראכטן איצט צו פארברייטערן אונזער אינפארמא-ציאן טייל פון אונזער ארבעט און אין דער ערשטער ריי צו באנייען אונזערע „אינפארמאציאנס-בלעטער", וועלכע וועלן איצט ארויסגיין עטליכע מאל אין חודש רעגולער. אונזער פלאן קען אבער דורכגעפירט ווערן נאר דאן, אויב די געזעלשאפטן און די ארטיגע קאמיטעטן אין די לענדער וועלן שטיין מיט אונז אין אן ענגן קאנטאקט בנוגע די [illegible] אינפארמאציעס, און וועלן אונז רעגלמעסיג צושטעלן די נויטיגע מאטעריאלן.

./.

די פראגן, וואס אונז אינטערעסירן, זיינען:

די אלגעמיינע עמיגראציאנס-לאגע אין די לענדער, די נייע אימיגראציאנס-געזעצן און אינסטרוקציעס; פארשידענע באריכטן און סטאטיסטישע ידיעות וועגן דער לאגע פון אידישער עמיגראציע און וועגן די ארבעטס-מעגליכקייטן פאר אימיגראנטן; די רעזולטאטן פון אייער ארבעט, טעכנישע אנווייזונגען פון אייער פראקטיק, וועלכע קענען האבן אן אלגעמיינעם ווערט, א.א.וו.; עס איז זעהר וויכטיג, אז דער מאטעריאל זאל אונז צוגעשיקט ווערן <u>רעגלמעסיג</u>, כדי אונזער אינפארמאציע זאל זיין ניט פארעלטערט.

מיר זיינען ניט מסופק, אז איר וועט זיך באציען מיט גרעסטן אינטערעס צו אונזער געדאנק און וועט דערפילן אונזער בקשה; מיר ערווארטן אייער ענטפער און אויך דעם ערשטן מאטעריאל.

מיר דאנקען אייך אפריער.

מיט גרוס און דרך ארץ

VEREINIGTES KOMITEE FÜR JÜDISCHE AUSWANDERUNG.
CONTINENTALES CENTRALBÜRO
BERLIN.

Wiktorczyk

For oplysninger om ophavsret og brugerrettigheder, se venligst www.kb.dk

For information on copyright and user rights, please consult www.kb.dk